# לא בחיל

מיוסד עה״כ ״לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ה״צ״ (זכרי׳ ד׳)

נטורונא
True Torah Jews

חודש כסלו תשס״ט לפ״ק

מטרתו:
להכריז קבל העולם ומלואו
שהציונים אינם דוברים בשם
ישראל - ונאמנים אנו לתוה״ק

- גליון י׳ -


## עת צרה הוא ליעקב...

### נאך די שוידערליכע הריגות אין אינדיע ה״י...

מיר שטייען ליידער אין גאר ביטערע זמנים, פון שרעקליכע טעג וואס דער כלל ישראל איבעראל האט אדורכגעמאכט, קוים א וואך פאריבער ווען די הערצער האבן געטרייסלט ארויסקוקנדיג אויף דעם ווייטן אינדיע, און געווארט אויף א גליקליכע מינוט וועלכע איז ליידער נישט אנגעקומען...

קוים א וואך איז פאריבער ווען עס איז אנגעקומען די ביטערע בשורה איבער דעם טראגישם אומקום פון די נשמות טהורות די טייערע קדושים הי״ד וועלכע זענען גע׳הרג׳ט געווארן, דורך די בלוטיגע און מערדערישע הענט פון די בארבארישע טעראריסטן, איבערלאזנדיג צובראכענע שטובער, אלמנות ויתומים, און א פארוויטאגטע כלל ישראל, ווען מען האט די היינטיגע וואך גאר גוט פארשטאנען וואס עס באדייט דער ״וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ד׳״.

עס איז ליידער א זמן וואס עס דערקענט זיך ליידער גאר שטארק דאס שטייגענדיגע אנטיסעמיטיזם וואס ווי א טאג ווערן די אומות העולם מער אויפגעהייצט, וויסנדיג אז א גרויס חלק פון זייערע צרות איז צוליב די שטענדיגע שטיצע פאר איזראעל, ווער רעדט נאך פון די אראבישע וועלט זעלבסט, וואס זייער שנאה איז עד להשחית רח״ל, איז דאך א חובת השעה ארייצוקוקן אין די תורה הקדושה, וואס השי״ת פארלאנגט פון אונז, און וויאזוי ניצל צו ווערן מחמת המציק.

דער פסוק זאגט אין פרשת וילך, ״וחרה אפי בו ביום ההוא״, מיין צארן וועט ווערן אנגעהיצט אין אים אין יענעם טאג, ״ועזבתים״, און איך וועל זיי (די אידן) פארלאזן, און ״והסתרתי פני מהם״, איך וועל פארשטעלן מיין פנים פון זיי, ״והיה לאכול״, וועט ער זיין אין א צושטאנד צו ווערן אויפגעגעסן, ״ומצאוהו רעות״, עס וועט אים געפונען שלעכטס, ״רבות וצרות״, פיל און ענגע, ״ואמר ביום ההוא״, ער וועט זאגן אין יענעם טאג, ״הלא״, צו דען איז נישט ריכטיג, אז ״על כי אין אלקי בקרבי״, צוליב דעם ווייל מיין באשעפער איז נישט צווישן מיר, דערפאר ״מצאוני הרעות האלה״, האבן מיר געטראפן די דאזיגע שלעכטס.

זאגט דער פסוק ווייטער: ״ואנכי״, און איך (זאגט השי״ת), ״הסתר אסתיר פני״, באהאלטן וועל איך באהאלטן מיין פנים, ״ביום ההוא״, אין יענעם טאג, און דאס וועט פאר אים קומען ״על כל הרעה אשר עשה״, צוליב דעם גאנצן שלעכטס וואס ער האט געטאן, ״ופנה אל אלהים אחרים״, ער האט זיך געקערט צו פרעמדע אפגעטער.

דער רמב״ן ערקלערט די פסוקים און איז מסביר, אז דא רעדט מען פון צוויי סארטן הסתרה, פסוק י״ז רעדט פון א געפערליכע הסתרה, ״והיה לאכול ומצאוהו רעות רבות וצרות״, זאגט אבער די תורה הקדושה אז אזוי ווי אידן וועלן זיך נאר מתודה זיין, אפילו נישט קיין ווידוי גמור, נאר הרהור וחרטה און אנערקענען אז מען איז שולדיג, און אז אלעס קומט צוליב ״על כי אין אלקי בקרבי״, וועט מען מיט דעם שוין אוועקנעמען די געפערליכע הסתרה, עס וועט זיין נאר א קלענערע הסתרה, דהיינו הסתרה פון די גאולה, נישט קיין צרות רבות ורעות, נאר אדרבה מען וועט זיין אונטערן שוץ פון די הבטחה ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים, ביז אידן וועלן טאן תשובה שלימה וועט מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה, עכתדה״ק.

די דאזיגע ווערטער פון רמב״ן, איז א געוואלדיגע יסוד און דערמונטערונג אין די צייט, אז אפילו אידן האבן געדינט עבודה זרה, און עס האט זיי באטראפן צרות רבות ורעות, אזוי ווי זיי וועלן נאר איינזען און אנערקענען אז זיי זענען שולדיג, און אז די צרות קומען על כי אין אלקי בקרבי, וועלן זיי שוין עטוואס געהאלפן ווערן, ווי די וועלט זאגט ״ביזן קרעטשמע דארף מען אויך האבן א גלעזל

## מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים?!!!

### לא יחשבו כלל שהצרות בסיבת הציונות

פעם אחת הלך רבינו הקדוש אנה ואנה בהתרגשות גדולה, ואח״כ אמר: אוי לנו! הציונים יביאו לידי כך שאומות העולם ישחטו יהודים ברחובות קריה, ד׳ ירחם. (הגה״ק בעל הדברי שמחה מציעשנוב, משכנות הרועים ח״א ע׳ רמ״ה).

וכה מוסר הגה״צ אב״ד פאיע שליט״א מזקנו הרה״ג יהושע העשיל לאנדא אב״ד וויטקא זצ״ל שנסע להרה״ק מציעשנוב זי״ע שכה אמר הרה״ק בקדשו: **עס וועט קומען א צייט וואס יידיש בלוט וועט זיך גיסן ווי וואסער, דער עולם וועט זיך ארומדרייען מיט צייטונגען** (אין דער האנט) **עס וועט קיינעם נישט בייפאלען אז דעס איז ״באשמת הציונים״.**

### הציונים ירעו לנו בגוף ובנפש

**הה למבוכה הזאת אשר לא היתה כזאת מיום גלות ישראל מעל אדמתם, ואם לא יקומו רבנים גאוני הדור להפר מזימותם, ירעו לנו יותר מכל משיחי שוא ושקר אשר הרעו לאבותינו בגוף ונפש,** ואשר עשו אותנו לשמצה בקמינו והריקו כספנו. ירחם ה׳ עמו שלא יבואו מנגדינו להבאיש ריחנו בעיני מלכי ארץ ורוזנים הצדיקים, החופפים עלינו תמיד בצדקם. (הגרש״ז הירשאוויץ זצוק״ל בעל גליון אלפס על הרי״ף, הפלס תרס״ד – עמוד תקפ״ח)

### העברה על השבועות – דין גרמא לכל הצרות שסובלים עתה

הודות להשם שנשארנו לפליטה מהפרצות שהי׳ בעי״ק ת״ו, השם ירחם עלינו הלאה, לע״ע היינו בפחדים, ועלה על רעיוני מאמר חז״ל בכתובות קי״א ע״א, אם אתם מקיימין את השבועה מוטב ואם לאו אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה, ואחת מהשבועות הוא שלא ידחקו את הקץ בעונם או שלא ידחקו את הקץ, וכפי הנראה דין גמרא לכל הצרות שסובלים כלל ישראל עתה, ודמינו ובשרינו הפקר. (הגרי״ז מינצברג זצ״ל – שארית ישראל סי׳ מ״ד דף קי״ח)

### הציונים היו בעוכרינו

ולא די שהם גרמו לנו הצרות הרבות הבאות עלינו בכל מדינות אירופה, עוד רבתה רשעתם, כי אלו לא

☜

☞

היו הציונים שואגים בקול גדול לנו הארץ, ולבקש שיהי׳ הארץ שלהם, ולעשות מלוכה לישראל בארץ בלי משיח ובלתי התורה, לא היו הערביים עושים לנו שום רעה, אדרבה אה״ק הי׳ עתה בעת צרה מקום פליטה לכל הנדחים ממושבותיהם, ״כי עם הערביים הי׳ טובים עם ישראל שדרו שם, ויהודי הלך בלילה יחידי בדרך בלי שום פחד״, ולא עשו שום דבר רעה לישראל רבות בשנים, ״ולא הי׳ על דעתם שלא לקבלם או לעשות להם רעה״, אך מאת אשר ראו הערביים כי הציונים אומרים לי הארץ ורוצים להיות אדונים שם, מזה נתעוררו הערביים לרדוף אותנו, א״כ כל הרשעה והצרות הוא רק ע״י הציונים. **(הגה״ק רבי שלמה זלמן עהרענרייך זצ״ל משאמלויא – טיול בפרדס מהדו״ק לחם הפנים)**

## הציונים עכבו הצלת ישראל בשואה

וכמו ששמעתי מפ״ק של מו״ח אבד״ק שאמלויא בהיותו בגעטטא, שהי׳ מתמרמר ואמר ״נאר די ציונים האבען אונז אהער געברענגט״ (= רק בגלל הציונים הגענו לידי כך), והיו דבריו הקדושים בשעתו פלא בעינינו, ואח״כ נודע הדבר שהי׳ אפשרות להציל כמה אלפים מאחב״י, רק המה בגודל רשעתם היו המעכבים בדבר והכל כדי להוציא מחשבתם אל הפועל. **(כונת הלב להגה״ק מקראסנא זצוק״ל פרשת וילך)**

## הציונים אשמים בפועל בכל צרות ישראל

גם בשפיכות דמים ידיהם דמים מלאו, והן המה הסיבה להשבר הנורא של הריגת ״ששה מיליונים״ מישראל – וגם מאז ועד עתה נהרגו הרבה רבבות מישראל בגלל הרעיון הטמא הזה של הקמת מדינה בחרב ובזרוע בשר, טרם שהגיע הזמן מהקב״ה, והמה מופקרין ומפקירין את כלל ישראל בעבור הגיאות והשררה שלהם. **(ויואל משה מאמר שלש שבועות סי׳ קל״ה)**

## אין לשער גודל הצרות שיצמח ממלכות המינות

ונהירנא עוד בתחלת הזמן כאשר נהייתה אותה אבי אבות הטומאה של הציונות, אמרו אז כל גדולי הדור שאם ח״ו יעלה בידם איזה מלוכה אין לשער גודל הצרות הנוראות שיצמח בזה, ויש ע״ז גם הרבה מכתבים מגדולי הדור שהיו אז בזמן ההוא, וכן הי׳ בעו״ה, ועד מתי יהי׳ זה לנו למוקש, ה׳ ירחם במהרה. **(על הגאולה ועל התמורה עמוד י״א)**

ברוינפן״, ווי דער פסוק איז מבטיח ״לא מאסתים ולא געלתים לכלותם, להפר בריתי אתם כי אני ה׳ אלקיהם״.

לענינינו, וואס אידן זענען זיך כהיום הזה מתבונן על מה עשה ה׳ ככה, מה חרי האף הגדול הזה, וואס קענען מיר העלפן צו ראטעווען דעם מצב? וויאזוי קענען מיר מעורר זיין רחמי שמים? וויאזוי קענען מיר פארמיידן די צרות רבות ורעות? לויט די ווערטער פונעם רמב״ן איז דאס גאנץ פשוט, זיך מודה זיין **״על כי אין אלקי בקרבי מצאוני הרעות האלה״!**

ווייל מען האט נישט געגלייבט אין גלות וגאולה מן השמים, נאר ערדישע טבעיות׳דיגע לעזונג... **מצאוני הרעות האלה.**

ווייל מען האט נישט געגלייבט מיט אמונה פשוטה המסורה מדור דור אז משיח וועט אונז אויסלייזן פון אלע פראבלעמען, נאר מען האט זיך אליין אן עצה געגעבן... **מצאוני הרעות האלה.**

ווייל מען האט בועט געווען אינעם גזירת הגלות, וואס איז נגזר געווארן בברית בין הבתרים... **מצאוני הרעות האלה.**

ווייל מען האט כופר געווען בהשגחה, טוענדיג פעולות און השתדלות בנוגע גאולתן של ישראל, וואס השי״ת האט דאס נישט איבערגעגעבן פאר מענטשן (ווי פרנסה, רפואה), נאר דאס באלאנגט אויסשליסליך פאר השי״ת אליין... תדע שאני מפזרן תדע שאני מכנסן, מלך ישראל וגואלו, גואלנו ה׳ צבאות, אפס בלתך גואלנו... **מצאוני הרעות האלה.**

ווייל מען האט אוועקגעשטעלט א שטארקע מציאות אקעגן השי״ת, א גאנצע מלכות המינות וואס פאבריצירט מינות און כפירה אויף די גאנצע וועלט... **מצאוני הרעות האלה.**

ווייל מען האט עובר געווען אויף די דריי שבועות, שלא יעלו בחומה, ולא ימרדו באומות, שלא ידחקו את הקץ, זאגנדיג אז דאס איז לאו דוקא, אדער דוקא לאו, מיט ליצנות׳דיגע פשט׳לעך עיקולי ופשורי... **מצאוני הרעות האלה.**

# מי חכם ויבין את זאת

אייגנטליך דארפן מיר היינט נישט קיין שום הוכחות אויפצואווייזן אז ״הם הביאו עלינו את כל הרעה הזאת״ די ביטערע כפירה פון ציוניזים, דאס גרינדונג פון זייער טמאנ׳ער ממשלה, אז אט דאס האט ליידער גורם געווען אזויפיל הריגות און רציחות און שנאת ישראל וואס לאזט זיך גארנישט באשרייבן.

עס פאדערט זיך נישט צו בארעכטיגן די ווערטער פון די גדולי ישראל זי״ע וועלכע האבן אלע פאראויס געזאגט אז די נגע הציונות דאס האט געברענגט די אלע שוידערליכע צרות.

עס וועט אבער יא זיין אינטערסאנט צו באטאנען א געדאנק וואס מיר געפונען ביי דוד המלך, דער פסוק זאגט ויהי רעב בימי דוד שלש שנים, דריי יאר איז געווען א הונגער, און דערנאך שטייט אין פסוק ״ויבקש דוד את פני ה׳״, דאס מיינט מען די אורים ותומים, די גמרא אין מס׳ יבמות (דף ע״ח ע״ב) פארציילט אז די ערשטע דריי יאר האט ער בודק געווען צו די הונגער איז נישט קיין עונש אויף איינע פון די עבירות אויף וואס דער פסוק זאגט אז דער עונש דערויף קומט א הונגער. די מפרשים וואונדערן זיך פארוואס דוד המלך האט נישט גלייך געפרעגט די אורים ותומים, און דורכדעם וואלט ווען נישט געווען די דריי יאר קיין הונגער, ווערט געברענגט דערויף אין די הקדמה פון ספה״ק ״ויואל משה״ (בשם הרי״ף על עין יעקב) א רעיון נפלא, אז ווען עס קומט ל״ע אן עונש וואס די תורה הקדושה דערמאנט די דאזיגע עונש אויף געוויסע עבירות, דארף מען גלייך בודק זיין אויב מען איז נכשל געווארן אין איינע פון די עבירות, אויב זעט מען אז מען איז ריין פון די עבירות, הערשט דאן קען מען אנפרעגן ביים אורים ותומים.

ווערט דארטן אויסגעפירט בנוגע וואס מען האט מיטגעמאכט די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, וואס מאז היתה ישראל לגוי איז נישט געווען אזא גזירה להשמיד להרוג את כל היהודים אן קיין שום סיבה, נאר סתם מפקיר זיין אידיש בלוט כצבאות וכאילות השדה. ווען צום ביישפיל די גזירות פון ת״ח ות״ט וכדומה זענען געווען גזירות שמד, אידן זענען נהרג געווארן צוליב דעם וואס זיי האבן זיך נישט געוואלט שמד׳ן, משא״כ ביים קריג איז בכלל נישט געווען קיין אויסוועג פון שמד אד״ג, עס איז פשוט מקוים געווארן דער ״אני מתיר את בשרכם״ וואס דער עונש זאגן חכז״ל קומט ווען מען איז עובר אויף די שלש שבועות.

בימינו אלה ווען עס איז א מצב פון ״דם ישראל נשפך כמים״, אומשולדיגע אידן וועלכע זענען געפארן אויפטון פאר כשרות זענען נעבעך אזוי טראגיש אומגעקומען, א ריכטיגע ״אני מתיר את בשרכם״... אין אזא פאל פאדערט זיך נישט צו זוכן אין די תורה הקדושה ווי עס ווערט דערמאנט אזא ביטערער און הארבער עונש, אודאי דארף מען מרבה זיין בתורה ותפילה, בתשובה ובתיקון המעשים, זיך מחזק זיין אויף אלע ענינים, מקבל זיין קבלות טובות, אבער תשובה מען טאר נישט פארגעסן פון די עיקר עבירה וואס די חז״ל זאגן אז דער עונש פון ״אני מתיר את בשרכם״ קומט פאר דעם חטא...

עס איז באקאנט א הייליג ווארט אויפן פסוק ״אבדה אמונה נכרתה מפיהם״, די סיבה פארוואס עס איז אבדה אמונה ח״ו, איז ווייל עס איז נכרתה מפיהם, לאמיר מקבל זיין צו רעדן דיבורי אמונה, משריש זיין אין אונזערע קינדער אמונת אומן, מיט דעם וועלן מיר מסיר זיין דעם חרון אף במדה גדושה, מיט דעם וועט מקוים ווערן דער פסוק אז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו ויקשב ה׳ וישמע ויכתב בספר זכרון לפניו.

# די פאפולערע "פרעס-רעליעס" פון "נטרונא" איבער די גארער וועלט

אין די יעצטיגע שווערע טעג, נאך די ביטערע הריגות אין מומביי אינדיע, נאך די הארצרייסענדע לויות וועלכע עס זענען פארגעקומען פאר די קדושים הי"ד אין ארץ ישראל, נאך די ווייטאגליכע צערעמאניע וועלכע די הארצלאזיגע רשעי הציונים האבן אפגעראכטן און זיך אהערגעשטעלט ווי די פארטרעטער פאר די קדושים, טראץ די אומאויפהערליכע הארציגע געבעטן און די ווייטאגליכע פראטעסטן פון די חשוב'ע משפחות, האט "נטרונא" ארויסגעשיקט א גאר אינהאלטסרייכע "פרעס-רעליעס" צו אומצאליגע אדרעסן, וועלכע האט געהאט אן אויסטערלישער אפקלאנג איבעראל, און די רעאקציעס דערויף הערן נישט אויף צו שטראמען. דאס פאלגענדע איז א פרייע איבערזעצונג אין אידיש וועלכע איז איבערגעשריבן געווארן לתועלת פונעם היימישן ציבור פון דעם "פרעס-רעליעס" וועלכע איז ארויסגעשיקט געווארן.

## טעראריסטן אטאקירן אין מומבעי, אינדיע;

# ווען עס איז דא א קאנפליקט צווישן פאקיסטאן און אינדיע, פארוואס זענען אידן א צילפונקט?

אינאיינעם מיט דאס גאנצע אידישע פאלק טרויערן מיר אויפ'ן אומבאשרייבליכן פארלוסט פון אלע וואס זענען ערמארדעט געווארן אין מובעי אינדיע, און בפרט אונזערע אידישע ברידער, די טייערע נשמות: די אומפארגעסליכע נאבעלע נשמה - הרב ארי' לייבוש טייטלבוים זכרונו לברכה, א שטארקער נאכפאלגער פון "אמת'ע תורה'דיגע אידן קעגן ציונות", און א קרוב פון דעם בארימטן קעגנער פון ציונות הרב יואל ט"ב; דער שטארק-רעספעקטירטער הרב גבריאל האלצבערג; רביצין רבקה האלצבערג; בנציון קרומאן; און אנדערע אידן - זיי זענען אלע קאלטבלוטיג ערמארדעט געווארן דורך די הענט פון טעראריסטן. דער באשעפער וועט זיכער נקמה נעמען פון די וואס הרג'ענען אומשולדיגע מענטשן, און איבערהויפט אזעלכע טייערע נשמות, אפגעזען וואס זייער בארעכטיגונג איז געווען פאר אזא שוידערליכע פארברעכן. ווער עס רעספעקטירט נישט דאס לעבן פון געטליכע באשעפענישן וועט באקומען א הימלישן עונש ביים גרויסן פארכטיגן יום המשפט.

די פראגע איז אבער: וואס איז געווען דער מאטיוו פון די טעראריסטן ביים אטאקירן א קליינע אידישע שוהל מיט עטליכע אידן דערין, ווען זיי וואלטן וועגן געקענט אטאקירן א גרויסע האטעל אדער אנדערע עפנטליכע ארט און אומברענגען פיל מער קרבנות?

דער ענטפער: ציונות!

ביטע לייענט די פאלגענדע ווערטער פון דעם איינציגן לעבן געבליבענעם טעראריסט; אן אויסצוג פון די צייטונג "די טיימס אוו אינדיע":

**קאסאב האט געזאגט פאר די פאליצייי אז זיי זענען געשיקט געווארן מיט א ספעציעלע אויפגאבע צו צילן אויף איזראעליס, זיך נוקם צו זיין פאר די שלעכטס קעגן די פאלעסטינער. דערפאר האבן זיי געצילט אויף די "נארימאן הויז", א געביידע פאר איזראעליס. מקורות האבן געזאגט אז קאסאב'ס קאלעגן וועלכע זענען גע'הרג'עט געווארן אין די אפעראציע, זענען פון פריער איינגעשטאנען אין "נארימאן הויז".**

לייענט די ווערטער פון וואל סטריט זשורנאל

**איינע פון די אנפאלער וועלכער האט זיך אינדענטיפיצירט אלץ אימראן באבאן און האט געזאגט אז זיין אפטיילונג האט ענטהאלטן זעקס מיליטאנטן, האט גענוצט מר. האלצבערג'ס סעלפאון צו רופן צו א פאפולערע אינדיאנישע טעלעוויזישע שאו דאנערשטאג בשעת דעם קאל האט ער געשוימט וועגן דעם באזוך וואס מאיאר-גענעראל אבי מזרחי - הויפט פון איזרעאל'ס מיליטערישע קרעפטן - האט לעצטנס אפגעשטאט צו די קאנטראווערסיאלע אינדיאנער שטאט קאשמיר - א הויפטזעכליכע מוסלעמנער געגנט וואו די אינדיאנער קרעפטן באקעמפן אן איסלאמישע אויפשטאנד.**

ציונות האט שוין געברענגט אזויפיל אומגליקן אויף אידן, און זיי האבן אויך א חלק אין די טראגעדיע.

פון די טראגעדיע זעען מיר אויך די חובת השעה און די וויכטיגקייט פון באקאנט מאכן פאר די גאנצע וועלט אז ציונים פארטרעטן נישט די אידן. אמת'ע תורה'דיגע אידן האבן נישט געשאפן מדינת ישראל און האבן נישט קיין שום פארבינדונג דערמיט. מיר שטימען נישט אין זייערע וואלן; מיר נעמען נישט אן זייערע געלט בענעפיטן. דעריבער איז עס א שרעקליכע פארברעכן צו באשולדיגן די אידן אין אלגעמיין פאר זייערע מעשים.

מיר זוכן מער פינאנציעלע שטיצע, און נייע טאקטיקן אז אונזער שטימע און וויי געשריי זאל דערהערט ווערן ארום די וועלט. מיר מוזן דורכברעכן דעם מויער פון די מידיא וואס איגנארירט אונזער מעסעש.

גלייכצייטיג ווילן מיר פראטעסטירן קעגן די ציונימ'ס שאנדפולע אקט פון חילול המת. זיי האבן איינגעוויקלט די ארונות מיט ציוניסטישע פענער און פארוואנדעלט זייערע לוי'ס אין א סענזאציאנאלע ציוניסטישע צערעמאניע, פאר'ן צוועק פון שלאגן פאליטישע קאפיטאל אויפ'ן חשבון פון די קרבנות. ווי קענען מיר אויסהאלטן דעם ווייטאג פון די טייטלבוים משפחה וועלכע האבן אומאויפהערליך געבעטן די ציוניסטישע באאמטע נישט אפצוהאלטן די צערעמאניעס. דאס וואס האט פאסירט וואלט זיכער געשטערט פאר דעם נפטר הרב ארי' לייבוש. מקורות זאגן אז די משפחה האט אנגעטראגן צו צאלן פאר א פריוואטן פליגער צו ברענגען דעם גוף פון הרב ארי' לייבוש צו קבורה אין ארץ ישראל, אז ער זאל נישט דארפן פליען אין א פליגער פון די ציוניסטישע לופט - קרעפטן.

דער דשערוזעלעם פאוסט באריכטעט:

**טייטלבוים'ס משפחה האט אפגעווארפן איזראעל'ס פארשלאג אים צו באטייליגן אין די אפיציעלע מעמאריעל צערעמאניע ביים בן גוריון לופטפעלד מאנטאג נאכט, ווען די גופים פון די קרבנות זענען אנגעקומען פון אינדיע אויף א צה"ל דשעט. זיך האלטנדיג ביי זייער גרופע'ס אנטי-ציוניסטישע שטעלונג האט די משפחה באטאנט אז זיי ווילן נישט קיין שום רעגירונג באטייליגונג ביי די קבורה פון טיילבוים'ס איבערבלייבענישן, און אז זיי ווילן אויך נישט אז זיין ארון זאל ווערן איינגעוויקלט אין א ציוניסטישן פאן אזוי ווי די אנדערע אידישע און איזראעלישע קרבנות.**

הארץ באריכטעט: **קרבן'ס פאמיליע ווארפט אפ פארשלאג פון אפיציעלע מעמאריעל צערעמאניע.**

## Mumbai: Why are Jews a Target?

**Dec 3, 2008**

***Terrorist attack in Mumbai, India: When there is a conflict between Pakistan and India, why are Jews a Target?***

Together with all of the Jewish people, we mourn the indescribable loss of all those murdered in Mumbai, India, and in particular our Jewish brethren, precious souls. The unforgettable noble soul Rabbi Aryeh Leibush Teitelbaum of blessed memory, a strong follower of True Torah Jews Against Zionism, and a relative of that famous champion of the anti-Zionist cause, Rabbi Yoel Teitelbaum; the well-respected Rabbi Gavriel Holtzberg; Rebbetzin Rivkah Holtzberg; Benzion Korman; and other Jews. They were all murdered in cold blood by the hands of the terrorists. G-d will certainly take revenge on all who kill innocent people, and especially such precious souls, no matter what their justification was for such a heinous crime. Whoever does not respect the life of G-d’s creations will have to face Heavenly retribution on the great and awesome Day of Judgment.

The question, however, is: what was the motive of the terrorists in attacking a small Jewish synagogue with a few Jews in it, when they could have attacked a large hotel or other public place and claimed many more victims?

The answer: Zionism!

Please read the following words of the only surviving terrorist, excerpted from the Times of India:

***Kasab has told police that they were sent with a specific mission of targeting Israelis to avenge atrocities on Palestinians. This was why they targeted Nariman House, a complex meant for Israelis. Sources said Kasab's colleagues, killed in the operation, had stayed in Nariman House earlier.***

Read the words of the Wall Street Journal:

***One of the assailants, who identified himself as Imran Babar and said his unit contained six militants, used Mr. Holtzberg's cellphone to call a popular Indian TV show on Thursday. In the call, he fumed about a recent visit by Major-General Avi Mizrahi, head of Israel's Ground Forces Command, to the disputed Indian state of Kashmir, a predominantly Muslim area where Indian forces are battling an Islamic insurgency.***

Zionism has already brought so many misfortunes upon Jews, and they have their share in this tragedy as well.

From this tragedy we also see the obligation of the hour and the importance of making known to the entire world that Zionists do not represent Jews. True Torah Jews did not create the State of Israel, and have no connection to it. We do not vote in its elections; we do not accept their monetary benefits. It is therefore a terrible crime to blame the Jewish people in general for their actions.

We are looking for more funding and new tactics so that our voice and our outcry should be heard around the world. We must break through the wall of the media, which ignores our message.

At the same time, we wish to protest against the Zionists□ shameful act of desecration of the victims□ bodies. They draped their coffins with Zionist flags, and made their funerals into a sensational Zionist ceremony, with the purpose of gaining political capital at the victims□ expense. How can we bear the pain of the Teitelbaum family, who unceasingly pleaded with the Zionist officials not to hold these ceremonies? What happened would have certainly offended the deceased Aryeh Leibush. Sources say that the family offered to pay for a private plane to fly Aryeh Leibush□s body to the Holy Land for burial, so that he would not have to go in the Zionist air force jet.

The Jerusalem Post reports:

***Teitelbaum's family had rejected Israel's offer to include him in the official memorial ceremony at Ben-Gurion Airport on Monday night, when the victim's bodies arrived from India on an IAF jet. In line with their group's anti-Zionist stance, the family emphasized that they wanted no government involvement in the burial of Teitelbaum's remains, nor did they did want his coffin to be wrapped in an Israeli flag as those of the other Jewish and Israeli victims would be.***

Haaretz reports:

***Victim's family rejects offer of official memorial ceremony***

***Teitelboim's family, which belongs to the anti-Zionist Satmar Hassidic sect of Orthodox Judaism, has rejected Israel's offer to hold an official memorial ceremony for him along with the other Jewish and Israeli fatalities.***

***But all their entreaties fell on deaf ears.***

Rabbi Aryeh Leibush Teitelbaum grew up in the Satmar Chassidic community in New York, a community well known for its anti-Zionist stance. He married the daughter of the Rebbe of Toldos Avraham Yitzchok, also a well known anti-Zionist group. He was an American-born Jew living in Jerusalem, and he never chose to become an Israeli citizen. He never accepted government benefits, although he needed money to support his large family of children. Instead he earned his livelihood by traveling around the world working for kosher supervising agencies. He considered participation in the Zionist elections to be a severe sin.

In short, he was a strong opponent of the Zionist state, yet unfortunately, as he was laid to eternal rest, he was dealt a disgraceful blow. For Orthodox Jews, who believe in the Afterlife, it is clear that such treatment is like a second death.

Our message to the Zionists is*: Haratzachta vegam yarashta?*

Have you killed this man and inherited him as well? Is it not enough that he died as an innocent casualty of your conflict? Do you have to reap benefit from his death too?

May we be privileged to see the redemption, when there will be peace throughout the world.

**טייטלבוים׳ס משפחה, וועלכע געהער צו די אנטי-ציוניסטישע סאטמארע חסידות פון ארטאדאקסישן אידנטום האט אפגעווארפן איזראעל׳ס פארשלאג אפצוהאלטן אן אפיציעלע מעמאריעל צערעמאניע פאר אים, אינאיינעם מיט די אנדערע אידישע און איזראעלישע טויטע. אבער אלע זייערע בקשות זענען געפאלן אויף טויבע אויערן.**

הרב ארי׳ לייבוש טייטלבוים איז אויפגעוואוקסן אין די סאטמארע חסיד׳ישע געמיינע אין ניו יארק - א געמיינדע וואס איז גוט באקאנט מיט זייער אנטי-ציוניסטישע שטעלונג. ער האט חתונה געהאט צו די טאכטער פונעם רבי׳ן פון תולדות אברהם יצחק חסידות - וואס איז אויך א גוט באקאנטע אנטי-ציוניסטישע גרופע. ער איז געווען אן אמעריקאנער געבוירענער איד וועלכער האט געוואוינט אין ירושלים און ער האט קיינמאל נישט געוואלט ווערן קיין איזראעלישער בירגער. ער האט קיינמאל נישט גענומען קיין רעגירונג בענעפיטן, כאטש ער האט געדארפט געלט אויסצוהאלטן זיין גרויסע משפחה מיט קינדער. ער האט ענדערש פארדינט זיין פרנסה דורך ארומפארן איבער די וועלט ארבעטנדיג פאר כשרות ארגאניזאציעס. ער האט געהאלטן אז זיך באטייליגן אין די ציוניסטישע בחירות איז א הארבע עבירה.

בקיצור, ער איז געווען א שטארקער קעגנער פון די ציוניסטישע מדינה, אבער ליידער ווען מ׳האט אים געברענגט צו זיין אייביגע רוה האט מען אים דערלאנגט א שאנדפולע קלאפ. פאר ארטאדאקסישע אידן וועלכע גלויבן אין עולם הבא איז קלאר אז אזא באהאנדלונג איז ווי א דאפלטע מיתה.

אונזער מעסעדש צו די ציונים איז:

### הרצחת וגם ירשת?

איר האט גע׳הרג׳ט דעם מענטש און אים אויך גע׳ירש׳נט? נישט גענוג אז ער איז געשטארבן אלץ אומשולדיגער קרבן פון אייער קאנפליקט, דארפט איר נאך אויך פארדינען פון זיין טויט?

יהי רצון מיר זאלן דערלעבן דעם טאג פון די הימלישע גאולה ווען עס וועט זיין שלום איבער די וועלט, אמן.

**True Torah Jew**
183 Wilson Street P.M.B. 16
Brooklyn, N. Y. 11211
(718) 841-7053 / Fax (718) 504-4513